גוט שבת אלע אידן. "ידידיה", נישט זיין עכטע נאמען, איז א איד וואס איז געקומען פון פראנקרייך צו וואוינען אין ארץ ישראל א שטיק צייט בעפאר די זעקס טעג מלחמה אין תשכ"ז. אין די טעג בעפאר די מלחמה איז דאס מצב געווען זייער שטארק אנגעשטרענגט, ווייל די אראבער האבן געסטראשעוועט אז זיי גייען אטאקירן די אידן. אבער ידידיה האט נאך אלס געוואלט זיין אין דעם הייליגן שטאט ירושלים.

ווען די מלחמה האט זיך טאקע אנגעהויבן איז ידידיה געווען אין דעם אלט שטאט. פלוצלינג איז געפאלן לעבן אים א באמבע, ל"ע. זיי האבן אים געפירט צום שערי צדק שפיטאל לעבן דעם אלט שטאט. עטליכע דאקטוירים האבן געמאכט אפעראציעס אויף אים צו ראטעווען זיין לעבן. ב"ה אז די דאקטוירים זענען געווען גוטע שליחים און זיי האבן מצליח געווען מיט דעם באשעפער'ס העלף צו ראטעווען זיין לעבן.

ידידיה האט זיך אויפגעוועקט אפאר טעג שפעטער און ער האט נישט געכאפט וואו ער איז, ווייל אלעס איז געשען אזוי פלוצלינג דעמאלט ווען די באמבע איז געפאלן. ער האט געהאט שטארקע ווייטאגן אין זיין לינקע אָראם. ווען ער האט געקוקט אויף עס, האט ער געזען אז זיין האנט איז געווען שטארק געשעדיגט, אזוי שטארק אז ער וועט עס נישט קענען נוצן, ל"ע!

ידידיה האט זיך צוריק אראפגעלייגט, טראכטענדיג וואס וועט זיין א לעבן מיט נאר איין האנט, ל"ע. ער איז געווען אזוי יונג, ער איז געווען א בחור, וואו אזוי וועט ער יעצט חתונה האבן... ער איז צוריק איינגעשלאפן. א שטיק צייט שפעטער האט ער זיך נאכאמאל אויפגעוועקט און ער האט געטראכט אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז פאר זיין גוטס. דורך דעם האט ער מקבל געווען באהבה דעם אומגליק וואס איז געשען צו אים. אבער, ער האט געהאט נאכאלץ איין שאלה וואס האט געברענט אין אים, און ער האט געבעטן אז דעם רב פונעם שפיטאל זאל קומען צו אים.

באלד דערנאך איז דער רב טאקע אנגעקומען צו ידידיה'ס בעט, און ער האט גלייך אנגעהויבן צו זאגן טרייסט ווערטער. מיט גרויס דרך ארץ האט ידידיה אים אפגעשטעלט. "יישר כחך רבי... ס'גוט, ס'גוט, גם זו לטובה! גם זו לטובה!" האט ידידיה אנגעהויבן צו זאגן, "אבער איך האב אייך גערופן וועגן אן אנדערע סיבה..." דער רב האט זיך אראפגעזעצט לעבן דעם בעט, נישט וויסענדיג וואס ידידיה וועט זאגן.

"איר זעט וואס איז געשען צו מיין האנט?" האט ידידיה געזאגט בשעת ער האט פרובירט אויפצוהייבן זיין אָרעם וואס פארשטייט זיך איז געווען איינגאנצען באנדאזשירט. "צו דען מעג איך נאך לייגן תפלין אויף דעם אָרעם? און אויך וויל איך וויסן, צי ס'וועט זיין מותר צו מאכן א ברכה אין אזא פאל?"

דער רב איז געווארן איבערגענומען מיט התרגשות. ער איז געקומען טרייסטען יענעם בחור, אבער ער האט געזען אז עס פעלט נישט טאקע אויס! ווייל א איד וואס ווייזט אזא שטאלצקייט אין אזא מצב דארף נישט קיין חיזוק!

דער רב האט געזאגט צו ידידיה, אז ער מוז ארויסגיין פונעם צימער א מינוט צוויי. אין דרויסן האט דער רב מתפלל געווען: "רבונו של עולם! מי כעמך ישראל! דא, האט מען א בחור וואס האט זיך מקריב געווען פאר אײַרע הייליגע שטאט ירושלים, און זיין עיקר דאגה איז מצוות!"

דער רב איז געקומען צו זיך, און ער איז צוריק אריינגעגאנגען צו ידידיה. דער רב האט געזאגט אז ער מעג געהעריג לייגן תפלין מיט א ברכה אויף יענעם ארעם.

ידידיה האט ארויסגעלאזט א טיפען אטעם און ער האט זיך בארואיגט און זיך אוועקגעלייגט אין זיין בעט. "ב"ה.. אויב אזוי, האב איך נישט קיין טענות! איך וויל ווערן א מלמד, און דאס גייט מיך נישט שטערן די פרנסה. אלעס איז רצון השם! די עיקר איז אז איך קען נאכאלץ לייגן תפלין מיט א ברכה!"

דער רב האט מחזק געווען אנדערע מענטשן דורך דערציילן דעם מורא'דיגן מעשה פון ידידיה. די צייטונגען זענען געוואר געווארן דערפון און זיי האבן באשריבן ידידיה'ס גבורה און דאס קידוש השם איז געווען מורא'דיג. זיי האבן אפילו געדרוקט א בילד פון ידידיה מיט זיין תפלין אויף זיין ארעם ביים כותל.

לייגן תפלין יעדען טאג איז א גרויסע זכות וואס מען דארף זייער שטארק מעריך זיין. מיר לייענען די וואך וועגן די מצוה פון תפלין, אזוי ווי עס שטייט: "והיה לאות על ידכה ולטוטפת בין עיניך וגו'"

איינע פון די סיבות פארוואס דער אייבערשטער האט אריינגעשיקט די אידישע קינדער אין גלות מצרים איז געווען כדי זיי זאלן זיך אויסלערנען ווי צו זיין עבדים. ביי קבלת התורה זענען די אידן געווארן די עבדים פון דעם רבונו של עולם, אזוי ווי עס שטייט אין דער הייליגער תורה: "כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים אני ה' אלקיכם." (ויקרא כה,נה)

די מצוה פון תפלין איז געווען פון די ערשטע מצוות וואס מיר האבן מקבל געווען ארויסקומענדיג פון מצרים. תפלין האבן דאך א שייכות מיט דעם ענין פון זיין א קנעכט. ווייל די רצועות פון די תפלין זענען אזוי די קייטלעך פון א קנעכט. דער אייבערשטער האט געוואלט אונז ווייזן דורך תפלין אז מיר זענען זיין קנעכט.

אויב אזוי, דורך לייגן תפלין מיט כוונה און שמחה ווייזן מיר אז מיר ווילן טאקע זיין עבדי השם. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של קלמן יעקב בן טובא עטיל, מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה,
שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**